בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

כי-תצא
ט' אלול תשפ"ו

גליון מס': רא
שנה ד'

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:41 |
| מוצש"ק | 7:53 |
| ר"ת | 8:33 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:37 | סוז"ת א' | 9:58 |
| סוזק"ש ב' | 9:22 | סוז"ת ב' | 10:29 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

## טיב הפרשה

# די גרויסע כח פון א מלחמת הרשות

### כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ

די היינטיגע פרשה הייבט זיך אן מיט די ווערטער 'כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ', ווען דו וועסט ארויסגיין אין א מלחמה קעגן דיינע פיינט.

די תוה"ק איז ממשיך און מבאר די הלכות וואס וועט זיין ווען דו וועסט געווינען די קריג און וואס איז דאן די הלכה.

רש"י אויפ'ן ארט לייגט צו אז מ'רעדט פון א מלחמת רשות, ווייל ביי די מלחמה'ס קעגן די זיבן פעלקער איז דא די ציווי 'לא תחיה כל נשמה' אז מ'זאל נישט לאזן לעבן קיין איין נפש, און דא שטייט 'ושבית שביו' אז דו קענסט פאנגען מענטשן און זיי לאזן לעבן.

די פשטות הדברים פון דער פסוק איז אז מ'רעדט פון א מלחמה וואס מ'מאכט בזמן הבית, א הלכה וואס איז נישט נוגע היינטיגע צייטן, אבער מיר ווייסן דאך אז די תוה"ק איז נצחי, אז יעדע הלכה וואס מ'לערנט אין איר בלייבט אויף אייביג, אויך היינטיגע צייטן ווען מיר זענען אין גלות און מ'טאר נישט מאכן קיין מלחמה.

אין זוהר חדש און אין נועם אלימלך אין די היינטיגע פרשה ווערט ארומגערעדט איבער די מלחמה מיט א פנימיות'דיגער בליק. מען רעדט פון מלחמת היצר, וואס דאס איז די גרעסטע און די שווערסטע מלחמה וואס דער איד האט אין זיין לעבן.

אין די ספרי מוסר ווערט אויך מבואר מערערע מאל אז דער 'יצר הרע' וואס רעדט אונז איין צו טון שלעכטס און זיך אוועקנייגן פון דעם ערליכן וועג, איז נישט נאר 'איינער' וואס איז ממלא זיין תפקיד! ער איז א שונא פון דעם מענטש! ער שטעלט אן א שיינער פנים, אבער באמת איז ער דער שונא נומער איינס פון דעם מענטש און פון צופרי ביז ביינאכט ווענדט ער אן מיטלען אונטערצוברענגען דעם מענטש און אים מאבד זיין פון די וועלט און אויך פון יענע וועלט.

איך האב געקלערט אז עס קען זיין אז מ'קען צולייגן די ווערטער פון רש"י 'במלחמת רשות הכתוב מדבר', אז מ'רעדט דא פון א מלחמת רשות.

אין די וועלט פון נסיונות איז פארהאנען צוויי סארט נסיונות וואס דער מענטש גייט אריבער. עס איז דא דער נסיון צו טון א דבר עבירה, א זאך וואס איז אסור בתכלית האיסור. דאגעגן איז דא נסיונות אויף א דבר ההיתר, דער איד זאל נכשל ווערן אין א דבר המותר.

דער דבר המותר איז מותר בתכלית ההיתר, מען רעדט פון זאכן וואס דער איד מעג טון, אבער עס איז א סכנה פאר זיין רוחניות.

א איד מעג עסן און ער מעג אויך שלאפן און געניסן פון תענוגי עולם הזה, אבער די אלע דברים המותרים זענען מסוכן פאר די רוחניות פון א איד, דער איד קען פארזינקען ווערן אין איר, אזוי טיף און אזוי שטארק, אז ער קען פארלירן זיין לעבן אין איר.

די פאטענט פון ארייננשלעפן א איד און צוברענגען ער זאל פארזינקען ווערן אין תענוגי עולם הזה דאס איז איינס פון די גרעסטע און גאנגבארסטע מיטלען וואס דער יצר הרע נוצט ארייצושלעפן דעם מענטש אין זיין נעץ, אן וואס דער מענטש זאל שפירן אז דאס איז פאר אים א פאסטקע.

## טיב המערכת

### לֹא תוּכַל לְהִתְעַלֵּם

עס האט דערציילט מורנו ורבינו שליט"א איבער הרה"צ רבי מנשה הכהן ראזנפעלד זצ"ל מיקירי קרתא דירושלים, אז אמאל גייענדיג אין גאס אום שבת קודש, האט ער געזען ווי א פשוט'ע פרוי, א אידענע, וואשט קליידער בְּעִצּוּמוֹ שֶׁל יוֹם הַשַּׁבָּת! רבי מנשה איז צוטרייסלט געווארן ביז די טיפעניש פון זיין נשמה. וויאזוי איז דאס מעגליך, אז א אידיש קינד זאל וואשן קליידער אום שבת? דאס איז דאך ממש חילול שבת, און נאכדערצו אז עס ווערט געטון בפרהסיא, אין פארנט פון יעדן איינעם! פונדעסטוועגן, האט ער אבער כדרכו הקדושה פארשטאנען אז דאס איז נישט געטון געווארן מיט כוונה, ווילנדיג, און מיט א נענטערן בליק האט ער געזען אז דאס זענען קליידער פון א קליין קינד, וואס האט זיך שמוציג געמאכט. דאס וואס ער האט געזען, האט אים זייער ווי געטון, ער האט זיך אבער נישט באגענוגנט דערמיט, נאר ער איז צוגעגאנגען נאך שבת צו איר הויז, מיט געלט אין די האנט, און ער האט איר געבעטן אז זי זאל קויפן נאך קליידער פאר איר קינד, כדי זי זאל האבן גענוג קליידער און זי זאל חלילה נישט דארפן וואשן קליידער אום שבת.

ווען די פרוי האט געזען ווי שטארק עס טוט אים וויי, און ער רעדט נישט בלויז, נאר ער איז גרייט אוועקצוגעבן פון זיין געלט כדי אן אנדערער איד – וועמען ער קען בכלל נישט – זאל היטן שבת קודש אזוי ווי עס דארף צו זיין, האט זי אים גלייך געזאגט: כבוד הרב, דו דארפסט מיר נישט געבן קיין שום געלט, איך זאג צו אז פון היינט און ווייטער וועל איך מער נישט וואשן אום שבת!

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר וועגן די מצוה פון השבת אבידה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, 'וְאִם לֹא קָרוֹב אָחִיךָ אֵלֶיךָ וגו' וַאֲסַפְתּוֹ אֶל תּוֹךְ בֵּיתֶךָ... לֹא תוּכַל לְהִתְעַלֵּם', און רש"י הקדוש איז מפרש 'לֹא תוּכַל לְהִתְעַלֵּם – לִכְבּוֹשׁ עֵינְךָ כְּאִלּוּ אֵינְךָ רוֹאֶה אוֹתוֹ'. איז לאמיר ארייטראכטן, אויב ביי א גשמיות'דגע אבידה, האט די תורה הקדושה אזוי שטארק מחשיב געווען די מצוה אז מען זאל צוריקגעבן פאר א מענטש זיין אבידה וואס ער האט פארלוירן, איז על אחת כמה וכמה ווען עס רעדט זיך פון א רוחניות'דיגע אבידה, ווען מיר זעען ווי א איד האט פארלוירן זיין וועג ברוחניות, אדער אויב עס איז פארלוירן געווארן פון אים א הלכה אין שולחן ערוך, ווי וויכטיג און טייער איז עס אז מען אים מקרב זיין און אויסלערנען דעם ריכטיגן וועג, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'וַאֲסַפְתּוֹ אֶל תּוֹךְ בֵּיתֶךָ', אז דו זאלסט אים מקרב זיין מיט שטארקנדע דיבורים, און דו זאלסט אים מחזק זיין מיט גוטע ווערטער, און נישט נאר אים מוסר'ן מיט שטראף־רייד וואס דאס קען צוברענגען א דערווייטערונג, נאר רעד צו אים מיט גוטע ווערטער און מיט ליבשאפט, און דו זאלסט נישט טראכטן אז עס איז נישט דיין אויפגאבע אים צו צוריקברענגען צום גוטן וועג, און דעריבער זאגט ווייטער די תורה הקדושה 'לֹא תוּכַל לְהִתְעַלֵּם – לִכְבּוֹשׁ עֵינְךָ כְּאִלּוּ אֵינְךָ רוֹאֶה אוֹתוֹ', דו קענסט נישט און דו טארסט נישט זיך פארהוילן און זיך מאכן אזוי ווי דו האסט אים נישט געזען.

ווען דער מענטש וועט זען אז אין אמת'ן גייט דיר אן פון אים און פון זיין נשמה, דעמאלטס וועלן דיינע ווערטער טרעפן א וועג צו זיין הארץ, און דו וועסט זוכה זיין צו א רוחניות'דיגע השבת אבידה, וואס איר טייערן ווערד איז אומשאצבאר.

(עפ"י טיב התורה – כי תצא)

טיב הודעות
מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

צוליב צוויי סיבות שפירט דער יצר הרע זיך באקוועם צו נוצן מיט דעם מיטל.

די ערשטע סיבה איז ווייל דורכדעם קומט ער גרינגער אן צו די הארץ פון א מענטש. עס איז זייער שווער אנצוקומען צו דעם מענטש און אים איבעררעדן צו טון א גלאטע עבירה, אבער ווען ער רעדט צו אים וועגן א דבר המותר, קען ער גרינגער פאנגען זיין הארץ.

די צווייטע סיבה איז אז דורכדעם קען ער אים עווענטעל ארייןפאנגען אין זיין נעץ. ער הייבט אן צו רעדן צו אים איבער די תאוות עולם הזה, מיט איר לעכערט ער דאס הארץ פון א מענטש, איינמאל ער איז אינעווייניג, ער איז א חבר מיט דעם מענטש, קען ער אים גרינגער צורעדן צו הארבע ענינים. חז"ל ווארענען דעם איד פון די טאקטיקן וואס דער יצר הרע נוצט. זיי זענען מגלה די פאכמאנישע טאקטיקן פון דער יצר הרע [שבת דף קה ע"ב] און זאגן כך אומנותו של יצר הרע, היום אומר לו עשה כך ולמחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו לך עבוד עבודה זרה.

די עצה קעגן דער יצר הרע איז צו וויסן דעם סוד און זיך שטארקן איבער אים און אים איבערקלוגן. דער זעהל פון א מענטש איז געקניפט און געבינדן פון גשמיות מיט רוחניות. דער יצר הרע פראבירט דורך די גשמיות אראפצושלעפן די רוחניות, אבער מיר דארפן טון דאס פארקערטע און מיט די גשמיות אויפהייבן די רוחניות.

אז א איד איז זיך מקדש ווען ער איז עוסק מיט גשמיות'דיגע זאכן און ער הייבט אויף מיט דעם זיין רוחניות פארדינט ער א דאפעלטער פארדינסט פון איר. נישט נאר איז ער ניצול געווארן פון די נעץ פון דעם יצר הרע, נאר ער האט אים אויך געפעדערט מיט א טריט פאראויס, ער האט אויפגעהויבן זיין גשמיות העכער זיין רוחניות.

די בחינה ווערט אויך געברענגט אין שלחן ערוך [אורח חיים סימן רל"א סעיף א'] און מיר ברענגען דא די הייליגע לשון וואס געבט ארויס מיט א קלארקייט דער דערמאנטער געדאנק ביז אהער. וז"ל: בכל מה שיהנה בעולם הזה, לא יכוין להנאתו, אלא לעבודת הבורא יתברך, כדכתיב: בכל דרכיך דעהו. ואמרו חכמים: כל מעשיך יהיו לשם שמים, שאפילו דברים של רשות, כגון האכילה והשתיה וההליכה והישיבה והקימה והתשמיש והשיחה וכל צרכי גופך, יהיו כולם לעבודת בוראך, או לדבר הגורם עבודתו וכו'. אפילו בזמן שהוא יגע וצריך לישן כדי לנוח מיגיעתו, אם עשה להנאת גופו אינו משובח, אלא יתכוין לתת שינה לעיניו ולגופו מנוחה לצורך הבריאות שלא תטרף דעתו בתורה מחמת מניעת השינה וכו'. און ער פירט דארט אויס: כללו של דבר, חייב אדם לשום עיניו ולבו על דרכיו ולשקול כל מעשיו במאזני שכלו, וכשרואה דבר שיביא לידי עבודת הבורא יתברך יעשהו, ואם לאו לא יעשהו; ומי שנוהג כן, עובד את בוראו תמיד, עכ"ל. אויף די מלחמה רעדט דא די תוה"ק און ברענגט אויפמערקזאמקייט פאר'ן איד ער זאל איר געדענקען און זיך שטארקן אין איר, און ווי אזוי צו באזיגן דעם יצר הרע, וועלכער זוכט אייביג איינצושלינגען דעם איד און זיין נשמה.

די בחינה ליגט אין די ווערטער פון רש"י הק' 'במלחמת רשות הכתוב מדבר', אז די מלחמה פון א איד זאל זיין אויף עניני רשות.

איך האב געטראכט אז לויט די בחינה קען מען צולייגן אויך דער אויספיר פון דער פסוק 'ושבית שביו'.

עס איז ידוע וואס דער אריה"ק זי"ע זאגט [ספר הליקוטים פרשת כי תצא] אז אין די ווערטער פון ושבית שביו באהאלט זיך א סוד על פי קבלה, אז אזוי לאנג ווי א איד איז אין די נעץ פון דער יצר הרע האבן די חיצונים א חלק אין זיינע מצוות און די חיצונים זענען נהנה פון דעם, אבער אין די רגע וואס א איד טוט תשובה, ער לאזט אפ זיינע שלעכטע מעשים, שלעפט ער צוריק ארויס זיינע מצוות און מעשים טובים, און אז די בחינה איז מרומז אין די ווארט 'תשובה' וואס מיינט זיך צוריקקערן - אז די מצוות און די מעשים טובים קערן זיך צוריק צו דעם, און ווי עס לשונו בקודש אין דער דערמאנטער ספר הליקוטים וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ: הענין הוא, שכל עוד שעומד בחטאו, כל אותה תורה שלו והמצוות שעושה נהנים מהם החיצונים כנז"ל, אבל כששב בתשובה שלימה, מוציא בלעו של הקליפה מפיו, בסוד 'חיל בלע ויקיאנו'. וזהו פירוש 'תשובה' - שתשוב המצוה והתורה לאיתנה למקומה הראשון. וזה שכתב 'ושבית שביו' - כלומר מה ששבה מצידך החיצוני, עכשיו ביציאתך למלחמה עליו וחזרת בתשובה, תשוב לקחת השביה אשר שבה ממך, זהו 'ושבית שביו', עכ"ל.

די בחינה ליגט אין דער ושבית שביו און דאס גייט אויך ארויף אויף די מלחמת רשות, אז ווען א איד טוט תשובה, קען ער מתקן זיין אלעס וואס ער האט געמאכט, אויך די שווערסטע ענינים און דאס ווייל די תוה"ק מרמז זיין דא אין די פסוק, אז א איד קען אייביג תשובה טון און אז ווען מ'טוט תשובה איז מען מתקן די אלע ענינים.

מ'דערציילט אז דער סלאנימער רבי דער בעל דברי שמואל זי"ע האט אמאל באזוכט אין א שטאט. זייענדיג דארט האבן זיך די שטאטסלייט באקלאגט פאר'ן רבי'ן אז דער שטאטס רב פאדערט אייביג אז מ'זאל אים געבן סנדקאות.

ווען זיי האבך זיך געטראפן האט דער רבי געפרעגט פאר'ן רב פארוואס באלמוטשעט ער די שטאטסלייט מיט סנדקאות? האט ער געענטפערט פאר'ן צדיק אז כידוע איז דער ענין פון סנדקאות א גרויסער תיקון פאר די 'פגם הידוע', און ער וויל דורך איר זוכה זיין צו דעם תיקון, און וועגן דעם בעט ער אז מ'זאל אים געבן די סנדקאות.

ווען דער רבי האט דאס געהערט האט ער געזאגט פאר'ן רב אז די בעסטע תיקון איז תשובה ומעשים טובים, און אז ווען א איד טוט תשובה פארלירט דער יצר הרע די שליטה אויף אים.

זאל הקב"ה געבן אז מ'זאל זוכה זיין צו טון תשובה שלימה און מתקן זיין סיי די עניני חובה און אויך די עניני רשות, און ניצול ווערן פון דעם יצר הרע און מקרב זיין די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

טיב

ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן הזך לייענדס

# א גרייטע שבת אין מירון

נאך א הכנה דרבה האב איך זיך געגרייט ארויסצופארן קיין צפת צו פראווענען די יארצייט פון דער הייליגער אריה"ק זי"ע ביי זיין ציון הקדוש אין צפת תבנה ותכונן במהרה.

די יארצייט איז יענער יאר אויסגעפאלן ליל שישי, איך האב געמאכט ביי מיר א חשבון אז אויב איך בין שוין סייווי אין צפת ליל שישי, וועל איך שוין בלייבן שבת קודש אין מירון.

איך האב באשטעלט א דירה אין מירון און מ'האט זיך געגרייט ארויסצוגיין אין וועג.

אביסל איידער איך בין ארויס אין וועג זאגט מיר מיין פרוי אז זי שפירט זיך נישט אזוי אין ארדענונג און אויף שבת וויל זי זיין אין שטוב.

עס האט מיר פארדראסן, איך האב שוין גע'חלומ'ט צו זיין שבת אין מירון, אבער גמילות חסדים איז אויך דא אין שטוב – אז זי פרוי בעט, האב איך איר נאכגעגעבן.

איך האב אריינגעקלינגען צו דער אייגענטימער פון די דירה אין מירון און אים געלאזט וויסן אז זאכן האבן זיך געטוישט און כ'וועל נישט דינגען זיין דירה אויף שבת.

איך בין געווען זיכער אז דער בעל הדירה וועט זיין בייז אויף מיר, אזוי שפעט צו קלינגען איז נישט א געווענליכער זאך, אבער ער האט עס אנגענומען גרינג.

מיר האבן אפגעמאכט אז אויב עס גייט אים נישט צו פארדינגען די דירה ביז שבת וועל איך אויסצאלן די שאדן.

אין די פארטאגס שעה'ן פון פרייטאג האב איך זיך צוריקגעקערט אין שטוב. מ'האט זיך געגרייט פאר א שבת אין שטוב. האלטנדיג אינמיטן די הכנות אויף שבת קלינגט אריין מיין זון מיט א פארלוירענקייט. ער דערציילט אז ער האט באשטעלט א צימער אין מירון אויף שבת, און ער קומט יעצט אן צו די צימער אבער דער בעל הבית האט געמאכט א טעות און אוועקגעגעבן די דירה פאר א צווייטן.

יעצט איז ער דארט מיט די גאנצע משפחה, ער האט נישט קיין דירה אויף שבת.

אין יענער מינוט האב איך געקלינגען דער בעל הדירה אין מירון, איך פרעג צי עס איז נאך ליידיג און ער זאגט אז יא.

מיין זון איז גלייך אהינגעגאנגען און גענאסן פון א פיינע דירה אויף שבת קודש. איך האב געזען בחוש ווי אזוי דער יד ה' האט געפירט אז איך זאל האבן א דירה פאר מיין זון אויף שבת.

איך האב מוותר געווען פאר מיין בני בית, אבער אין די זעלבע צייט, האט מען פון הימל געפירט אז אדאנק די וויתור, זאלן מיינע קינדער האבן א פיינע און א געשמאקע דירה אויף שבת קודש.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: צ.ה.)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

"אַ'חֲרֶיךָ לַ'גֵּר לַ'יָּתוֹם וְ'לָאַלְמָנָה" – איז ראשי תיבות "אֱלוּ"ל", דאס לערנט אונז איבער די עבודה פון 'תִּקּוּן הַמִּדּוֹת' אום חודש אלול. דאס מיינט, אז דו זאלסט טראכטן און זיך אומקוקן אויפן גר, יתום און אלמנה, דורכן געבן צדקה און פאררעכטן די מִדּוֹת, בֵּין אִישׁ לְרֵעֵהוּ.

אזוי ווי עס שטייט אין **קיצור שולחן ערוך** (סימן קכח ס"א), אז אין דעם חודש זאל מען אויך מתקן זיין די ענינים שֶׁבֵּין אִישׁ לְרֵעֵהוּ. וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ: "אָמְרוּ דוֹרְשֵׁי רְשׁוּמוֹת, 'וּמָל ה' אֱלֹהֶיךָ אֶ'ת לְ'בָבְךָ וְ'אֶת לְ'בַב זַרְעֶךָ' רָאשֵׁי תֵּבוֹת **אֱלוּל**. וְכֵן, 'אֲ'נִי לְ'דוֹדִי וְ'דוֹדִי לִ'י' רָאשֵׁי תֵּבוֹת **אֱלוּל**. וְכֵן, 'אִ'ישׁ לְ'רֵעֵהוּ וּ'מַתָּנוֹת לָ'אֶבְיוֹנִים' רָאשֵׁי תֵּבוֹת **אֱלוּל**. רֶמֶז לִשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים שֶׁהֵם, תְּשׁוּבָה תְּפִלָּה וּצְדָקָה, שֶׁצְּרִיכִין לְהִזָּדֵרז בָּהֶם בְּחֹדֶשׁ זֶה, 'וּמָל ה'' וגו' רוֹמֵז לִתְשׁוּבָה, 'אֲנִי לְדוֹדִי' וגו' רוֹמֵז לַתְּפִלָּה שֶׁהִיא רִנַּת דּוֹדִים, 'אִישׁ לְרֵעֵהוּ וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים' רוֹמֵז לִצְדָקָה".

***

**דער הייליגער "דברי שמואל" פון סלאנים זצוק"ל**, איז געווען אן אייניקל פון **דער הייליגער "יסוד העבודה" זצוק"ל**, און איז געווען זייער דבוק אין זיין הייליגער זיידע, פאר לאנגע תקופות אינעם יאר איז ער געזעצן בַּשֶּׁבֶת תַּחְכְּמֹנִי, און ער האט זיך געווייקט בְּצֵל קָדְשׁוֹ פון זיין רבי און זיידע, צוזאמען מיט די גדולי החסידים.

איינס פון די מצוות וואס איז געווען זייער באליבט ביים הייליגן דברי שמואל, איז געווען די מצוה פון **'הדלקת נר חנוכה'**, וואס פון די הייליגע חנוכה ליכט האט ער געשעפט א געוואלדיגן זיסן ליכטיגקייט פארן גאנצן יאר, פונעם אור הגנוז וואס איז באהאלטן אין די הייליגע ליכט. ער פלעגט אסאך רעדן וועגן אט די טייערע מצוות, און ער פלעגט זיך גרייטן בסילודין צו דער הייליגער יום טוב חנוכה.

אין איינס פון די יארן, ווען ער איז נאך געווען א יונגער יונגערמאן, איז ער געקומען פאר א 'נסיעה' לכבוד דער הייליגער יום טוב חנוכה צום הויף פון זיין הייליגער זיידע, און האט זיך גענומען אן אכסניא דארט אין שטאט.

אום ערב חנוכה, האט ער זיך גענומען גרייטן צו די גרויסע מצוה, עטליכע שעה פאר די צייט וואס מען צינדט די הייליגע ליכט. נאכן זיך טובל'ן אין א מקוה טהרה האט ער אנגעהויבן צו אנגרייטן די ליכט מיט א געוואלדיגע התלהבות, מיט א הייליגע פייער האט ער געדרייט די קנויטן און אריינגעגאסן די אויל, ווען אין דער זעלבער צייט האבן זיך געגאסן געהויבענע תפילות פון זיין מויל, מיט געוואלדיגע בענקשאפט צו מקיים זיין די הייליגע מצוה פון חנוכה ליכט.

אין אוונט, ווען עס איז אנגעקומען דער צייט פון די מצוה, איז ער ארויסגעגאנגען זיך צו באטייליגן ביים דאווענען מעריב און ליכט צינדן פון זיין זיידע דער הייליגע יסוד העבודה, און ער האט איבערגעלאזט זיין מנורה אנגעגרייט מיט די ליכט אינעם אכסניא, כדי עס זאל זיין גרייט צום צינדן ווי נאר ער וועט צוריקקומען פון זיין זיידע'ס הויז.

ווי נאר מען האט געענדיגט צינדן די ליכט ביים רבי'ן, האט ער זיך מזרז געווען צו די מצוה, און מיט ליכטיגע און געהויבענע געפילן איז ער געגאנגען צו די אכסניא, כדי אליין צו גיין און מקיים זיין די מצוה. אבער ווען ער איז צוגעגאנגען צו די מנורה אנצוצינדן

# תִּקּוּן הַמִּדּוֹת אין חודש אֱלוּ"ל

"כִּי תַחְבֹּט זֵיתְךָ לֹא תְפַאֵר אַ'חֲרֶיךָ, לַ'גֵּר לַ'יָּתוֹם וְ'לָאַלְמָנָה יִהְיֶה. כִּי תִבְצֹר כַּרְמְךָ לֹא תְעוֹלֵל אַ'חֲרֶיךָ, לַ'גֵּר לַ'יָּתוֹם וְ'לָאַלְמָנָה יִהְיֶה" כד, כ-כא

די ליכט, ווי פארוואונדערט איז ער געווארן זעענדיג אז די ליכט איז שוין לאנג אנגעצינדן געווארן... – ווי עס זעט אויס, האט איינער פון די געסט געמיינט אז דער בעל הבית האט אנגעגרייט די מנורה פאר די געסט... איז ער צוגעגאנגען און אנגעצינדן דארט זיינע ליכט!

די יונגע חסידים, וועלכע האבן דעמאלטס באגלייט דער דברי שמואל צו די אכסניא, וועלנדיג זיצן צוזאמען מיט אים בשעת די עבודת הקודש, וויבאלד ער איז געווען פון די גדולי המשפיעים אין די חבורה, האבן זיך זייער געבייזערט ווען זיי האבן דאס געזען, און זיי האבן גלייך אנגעהויבן מיט דרישות וחקירות, פראבירנדיג אויסצוגעפינען צווישן די געסט, ווער איז דער וואס האט זיך געוואגט אנצוצינדן אין די לויטערע מנורה פונעם באליבטן אייניקל פון דער צדיק?

אבער ווען זיי האבן באטראכט דעם בליק פונעם דברי שמואל אליין, האבן זיי נישט געזען קיין שום קפידא אויף זיין געזיכט. ער האט זיך בכלל נישט געבייזערט! נאר מיט ישוב הדעת און מיט א רואיגקייט האט ער געהייסן די יונגווארג אז זיי זאלן שוין יעצט 'אפשטעלן' אט די איבעריגע פארשונגען... ווייל וואס איז דען א נפקא מינה ווער האט דא אנגעצינדן? דאס איז דאך א מצוה וואס יעדער איד איז באפוילן געווארן עס צו טון?

ער האט גענומען נייע ליכט און איז צוגעגאנגען צו די מצוה פון חנוכה ליכט מיט פארמערטע התלהבות און געוואלדיגע שמחה צוליב דאס מוותר זיין, און דערפאר וואס ער האט אויך זוכה געווען ארויסצוהעלפן א איד מיט די מצוה פון חנוכה ליכט, דורכדעם וואס ער האט צוגעגרייט די מנורה פאר אים.

דער שמועס וואס ער האט געגעבן נאך יענעם ליכט צינדן, האט זיך בעיקר גערעדט וועגן די גרויסקייט פון מוותר זיין און די עבודה פון 'תיקון המידות', וואס א מענטש זאל צוברעכן די מדה פון כעס, בעיקר אין די בחור'ישע יארן, און מען זאל שטענדיג מוותר זיין אין יעדן געלעגנהייט, ווייל דער כעס איז דאס וואס ברענגט צו אלע סארטן זינד חלילה.

אין יענעם שמועס האט ער איבערגעגעבן דעם באוואוסטן מאמר וואס איז באקאנט און ווערט נאכגעזאגט אין זיין נאמען: איין התגברות איבער די מדה פון כעס, איז ווערד מער ווי טויזנט מאל א הֲכָנָה שֶׁל מִצְוָה!

אט דער מעשה האט דעמאלטס געלאזט א שטארקן איינדרוק אין די הארץ פון די חסידים וואס האבן עס געהערט פון אים, און יארן שפעטער ווען זיי זענען עלטער געווארן און זענען געווארן פון דער נייער רבי, וועלכער האט געפירט די געמיינע פון די סלאנימער חסידים מיט גרויס געהויבנקייט, פלעגן זיי דערמאנען מיט בענקשאפט דאס וואס זיי האבן געזען און געהערט אין יענעם יו"ט חנוכה, און האבן שטארק באוואונדערט די געוואלדיגע תיקון המידות פונעם הייליגן צדיק, **זכותו תגן עלינו.**

***

הרב הקדוש **רבי דוד'ל לעלובער זצוק"ל** איז אמאל פארנדיג אויפן וועג, איינגעשטאנען אין א קליינע גאסט־הויז, וואו עס האט זיך אויך געפינען א פרוי אן עגונה, וועלכע האט געוואנדערט פון שטאט צו שטעטל און פון דארף צו דערפל, זוכנדיג און נישטערנדיג נאך איר מאן וואס איז פארשוואונדן געווארן.

ווען זי האט געזען ווי רבי דוד איז אריינגעקומען אינעם גאסט־הויז, האט זיך איר געדאכט אז דאס איז איר פארלוירענער מאן, און זי האט גלייך אויפגעהויבן א געשריי, און מיט וויינענדיגע קול האט זי געזאגט צו אים: פארוואס האסטו מיר געלאזט אן עגונה פאר אזויפיל יארן? צוליב איר גרויסע ליידענישן און ווייטאג, האט זי אים אנגעהויבן צו שעלטן מיט געפערליכע קללות, און זי האט אים זייער שטארק אנגעשריגן אז ער זאל שוין אויפהערן צו פייניגן, א.א.וו.

דורכאויס די גאנצע צייט וואס זי האט אויסגעגאסן איר צארן, האט רבי דוד געשוויגן און גארנישט געזאגט! נאר נאכדעם וואס די פרוי האט געענדיגט צו שרייען, און ארויסגעלאזט אויף אים איר גאנצן כעס, האט רבי דוד רואיג און שטיל געפרעגט: מעגליך האסטו עפעס א סימן אויף דיין מאן?

יא! האט די פרוי געענטפערט, און דערביי האט זי איבערגעגעבן דער סימן. און דעמאלטס איז באלד אנטפלעקט געווארן אז זי האט זיך טועה געווען און ער איז נישט איר אנטלאפענער מאן... זי האט געבעטן מחילה פון רבי דוד, און איז זיך געגאנגען איר וועג.

האבן די אנוועזנדע געפרעגט רבי דוד, פארוואס ער האט געשוויגן דורכאויס די גאנצע צייט וואס דח פרוי האט אויסגעגאסן איר צארן און ביטערניש איבער אים, אינדערצייט וואס ער וואלט געקענט גלייך לייקענען און זאגן אז ער איז נישט איר מאן, און ער וואלט איינגעשפאָרט פון זיך די אלע בזיונות?

האט רבי דוד זיי געענטפערט מיט חכמה, און האט זיי געגעבן צו פארשטיין א פרק אין די סוגיא פון תִּקּוּן הַמִּדּוֹת: איר דארפט פארשטיין, אז אט די מיטגעמאכטע פרוי, איז נעבעך שטענדיג פארביטערט, און איז פול מיט ענטוישונגען און שווערע יסורי הנפש צוליב דעם וואס איר מאן האט איר פארלאזט און איז פארשוואונדן געווארן. ווען זי האט אנגעהויבן צו שרייען און שעלטן, האט זי דערמיט באקומען א שטיקל באפרייאונג פאר אירע שטורעמישע געפילן, און אין יענע מינוטן האט זי ארויסגעגעבן איר גרויס כעס וואס האט זיך אנגעזאמלט דורכאויס לאנגע יארן אין איר הארץ!

דעריבער האב איך געפילט אז זי האט פשוט א 'צורך' אין דעם, ווייל צומאל דארף א געדרוקטע זעל קענען באפרייען א קרעכץ און אוועקנעמען די צארן וואס איז באהאלטן אינעווייניג דורכן עס ארויסגעבן מיט געשרייען... דעריבער האב איך געשוויגן די גאנצע




צייט, כדי זי זאל קענען אביסל פארגרינגערן אויף איר זעל דורך אט די געשרייען...

און דער צדיק רבי דוד האט נישט גערוט ביז ער האט געפינען איר מאן, און ער האט איר באפרייט פון איר עגונה'שאפט!

**זעען מיר פון דא, אויף ווי ווייט עס דערגרייכט דער תִּקּוּן הַמִּדּוֹת פון די צדיקים!**

***

א חסיד איז אמאל אנגעקומען אינעם הויז פון זיין רבי, בעטנדיג א גוטע עצה זיך צו קענען מתגבר זיין אויף די מדה פון כעס.

האט דער רבי געזאגט צו אים, זעץ זיך ביטע אראפ אינדרויסן אינעם וואַרט־צימער, און ווארט דארט אביסל.

דערווייל האט דער רבי געבעטן פון דער גבאי, אז ער זאל אריינרופן פלוני פון בית המדרש, וועלכער איז געווען באוואוסט אלץ איינער וואס האט ליב צו מאכן פלענער און שפיצלעך...

ווען יענער איז אריינגעקומען, האט אים דער רבי עקסטער געהייסן אז ער זאל לאזן די טיר אביסל אפן, כדי דער חסיד וואס זיצט אינדרויסן אינעם וואַרט־צימער, זאל הערן פון וואס מען רעדט.

דא האט דער רבי אויפגעהויבן זיין שטימע, און ער האט זיך געמאכט אזוי ווי ער בייזערט זיך אויפן חסיד וואס איז געזעצן אינדרויסן אינעם וואַרט־צימער. גיי שוין יעצט, האט דער רבי געהייסן יענעם, און רע גאים אויף אזוי ווי עס דארף צו זיין!

גלייך איז יענער צוגעגאנגען אויסצופירן דער באפעל פונעם רבי'ן. צום ערשט איז ער געגאנגען צום קאווע שטיבל, און זיך אנגעגרייט א גוטע הייסע קאווע, אנגעפילט ביז אויבן פונעם גלאז... און ווען ער איז אריבערגעגאנגען מיטן אנגעפילטן הייסן גלאז, נעבן דער חסיד וואס איז געזעצן און געווארט אינעם וואַרט־צימער, האט ער זיך געמאכט אזוי ווי ער האט געגעבן א נישט ריכטיגע טריט, און ער האט אויסגעגאסן דעם גאנצן קאווע אויפן הוט און רעקל פונעם חסיד, וועלכער איז אינגאנצן געפארבט געווארן מיטן קאווע קאליר...

אט דער חסיד וואס האט געווארט, האט דאך נארוואס געהערט מיט זיינע אייגענע אויערן פונעם רבי'ן, וואו ער באפעלט יענעם חסיד אז ער זאל אים אויפרעגן, און דעריבער האט ער גוט פארשטאנען וואס עס טוט זיך דא, און ער האט זיך בכלל נישט אויפגערעגט...

ווען דער חסיד האט זיך אויפגעשטעלט כדי זיך צו רייניגן פון די קאווע מיט וואס ער איז געווען אינגאנצן פארשמירט, האט יענער חסיד אויסגעשטרעקט זיין פוס, א רגע פאר ער איז אריבערגעגאנגען נעבן אים, און גלייך האט זיך דער חסיד אויסגעגליטשט און ער איז אראפגעפאלן פלאך אויף דער ערד... - אבער אויך יעצט האט זיך דער חסיד נישט אויפגערעגט און האט בכלל נישט געצערנט, ווייבאלד ער האט געוואוסט אז אלעס איז אויסגערעכנט און פארשטענדליך פון פאראויס!

אזוי האט זיך יענער אויסגעטראכט נאך פארשידענע שפיצלעך, כדי צו פראבירן אויפרעגן דעם חסיד, ער איז אבער אלעס בייגעשטאנען מיט שטארקייט, און ער האט אלעס אויסגעהאלטן מיט שווייגעניש.

ווען ער איז נאכדעם אריינגעגאנגען בַּקּוֹדֶשׁ פְּנִימָה, האט זיך דער רבי געמאכט אזוי ווי ער וואונדערט זיך און ער האט אים געפרעגט: וויאזוי ביסטו בייגעשטאנען די אלע דערצערענונגען און שפיצלעך, און דו האסט דיך בכלל נישט אויפגערעגט?

האט דער חסיד געענטפערט: איך האב דאך קלאר געוואוסט, אז דאס אלעס איז אנגעגרייט געווארן אלץ א ספעציעלן נסיון פאר מיר, עס איז אלעס אונטערגעשטעלט... און עס קומט בכלל נישט אז איך זאל זיך אויפרעגן, ווען דער ציל איז קלאר פון פאראויס.

האט זיך דער רבי צושמייכלט און געזאגט: וויסן זאלסטו, אז אלעס וואס גייט אריבער אויף דיר, פון די קלענסטע זאך ביז די גרעסטע זאך, איז אלעס אנגעגרייט פאר דיר מיט א קלארן פלאן און מיט א תכלית און ציל פאר דיין טובה! אלעס איז אפגעשריבן און אונטערגעשטעלט פון אויבן! און אויב אזוי, איז נישטא קיין שום פלאץ פאר כעס און צארן! - ווייבאלד מיר געדענקען אז דאס אלעס איז א נסיון פון הימל, איז נישטא קיין שום פלאץ פאר כעס!

***

צו דער ספעציעלער מנין וואס איז פארגעקומען אינעם הויז פון **דער הייליגער "חזון איש" זצוק"ל**, איז אמאל אריינגעקומען צו תפילת מנחה, א טאטע מיט זיין זון, א קליינער אינגל, נאכן ווערן געבעטן צו משלים זיין דער מנין צו מנחה גדולה אינעם בית המדרש פונעם גדול הדור.

דער קליינער אינגל, וועלכער איז דעמאלטס געווען אויפן וועג אהיים פון תלמוד תורה, האט נישט געהאט קיין געדולד, און ער האט די גאנצע צייט געבעטן פון זיין טאטע אז ער זאל אים אהיימנעמען. וויפיל דער טאטע האט זיך פראבירט בעטן ביי אים און אים בארואיגן, האט עס נישט געהאלפן, ביז עס איז געקומען צו אינמיטן דאווענען, ווען דער טאטע האט געזען אז עס גייט אים נישט מיט זיין אינגל, האט ער זיך געבייזערט אויף זיין זון און אים געשלאגן, כדי ער זאל אויפהערן אים צו מוטשען.

נאכן דאווענען, האט דער חזון איש צוגערופן דער טאטע, און מיט גרויס ליבשאפט און איידלקייט האט ער אים מעורר געווען איבערדעם וואס ער האט זיך אויפגערעגט און געשלאגן זיין קליינעם זון. וואס האבן מיר דען פארדינט דא? האט דער חזון איש געפרעגט, ווייל דאס קינד האט זיך נאר אויסגעלערנט אז ווען מען רעגט זיך אויף שלאגט מען! - אויסערדעם וואס ער האט נישט געהעריג געזען ווי דער טאטע דאוונט געהעריג אין שול...

***

דער מנהג פון חסידים יראים ושלמים איז, אז אויב מען איז חלילה דורכגעפאלן אין די מדה פון כעס, איז מען געגאנגען זיך טובל'ן אין א מקוה טהרה.

און דער טעם דערצו איז, ווייבאלד עס ווערט ערקלערט אין **זוהר הקדוש** (ח"ג קעט.) אז **כָּל הַכּוֹעֵס כְּאִלּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה**, און אויב מען ווערט גערעכנט אזוי ווי אן עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה איז ער דאך אזוי ווי א גוי, און א גוי ווען ער איז זיך מגייר דארף ער זיך טובל'ן אין א מקוה.

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!

[redacted]

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173